נומער 10

שפּילקעס

פאריז דעצעמבער 1962

סאטירישער חודש-זשורנאַל דערשיינט מיט רעגלמעסיקער פאַרשפּעטיקונג יעדן חודש
רעדאַקטאָר א. א. ליבערמאַן

„ניע פרעסע" שלאָגט פאָר „אונזער וואָרט" א איינהייטלעכע אקציע?

לאָמיר נישט רעדן וועגן דעם וואָס טיילט אונז פונאַנדער.
לאָמיר האַלטן דאָס וואָס פאַרייניקט אונז

אין דער זעקסער ציט, וואָס די פראנצויזישע קאָמוניסטן האבן ארויסגעלאָזן א רוף צו די סאָציאַליסטן אז צוליב דער איינהייטלעכקייט פון דער אקציע דארף מען אוועקשטעלן אלץ וואָס טיילט פונאנדער און זיך האַלטן ביי אלץ וואָס פאַרייניקט (און איז „נאָרמאַל"), האָבן געמאַכט די זעלבע ווענדונג צו „אונזער וואָרט".

אויף וויפל מ'האָט אונז אינפאָרמירט זאָל דער בריוו פון דער „ניע פרעסע" אנטהאַלטן פאָלגנדיקע לאָגישע זאצן:

„הארציקע כאַווירים און קאָלעגן. מיר ווענדן זיך צו אייך און נישט צו „אונזער שטימע" ווייל די לעצטע איז נישט גימאַלעטיש נישט מאָרים טאַרעזעטיש נישט מפאַיסטיש די „אונזער שטימע" איז לעצטנס ארויסגעפאַלן פון אַלע ליניעס. ווען ראַפאַל איז נאָך געווען שעף-רעדאקטאָר איז באַטש געווען א ליניע — א שלעכטע ליניע אבער פאָרט א ליניע. דעריבער ווענדן מיר זיך בלויז צו אייך וועגן אן איינהייטלעכער אקציע. לאָמיר זען וואָס עס טיילט אונז פונאנדער און וואָס עס פאַרייניקט אונז.

רעליגיע טיילט אונז נישט פונאנדער. מיר האַלטן אז משה איז געווען א קרבן פון פרעה'ס אנטיסעמיטיזם (ענלעך צו סטאַלינען) און מען האָט אים שיער דערטרונקען אין דער עגיפּטישער וואָלגא. יעזוס איז א קרבן פון קאפּיטאַליזם ווייל ווען א קינד פון ארבעטער'קלאַס (א טאטע א סטאָליאַר) ווערט געבוירן, אין א שטאַל איז ער א קרבן פון קאפּיטאַליזם. איז אונז דעריבער נאָענט ביידע רעליגיעס.

ישראל טיילט אונז נישט פונאנדער ווייל דער פעטער וואָס רוסלאַנד האָט געמאַכט דורך שטימען אין דער אונא פאַר ישראל'ס זעלבסטשטענדיקייט האָט זי שוין פון לאַנג פאַריכט דורך שיקן געווער צו עגיפּטן וואָס עס פאַלט טייער אריין צו ישראל אין באַזיץ.

אַגב איז דאָס שיקן געווער קיין עגיפּטן נישט געפערלעך, ווייל. ווי איר זעט רעגנען די רוסן אויך צוריק נעמען יוען ס'איז נויטיק

א חוץ מזה זייט איר אליין נישט קיין צו ווייטע פריינט פון ישראל, ווייל ווען יאָ, וואָלט איר דאָך נישט געזעסן דאָ נאָר לבי דפּחות וואָלט איר געווען אין באַלד צוריק געקומען אזוי ווי דאָס האָט געטאָן א געוויסער ס. ט. . .

בדייע עליה פון רוסלאַנד. דאָס קענט איר פון אונז נישט פאַרלאַנגען, ווייל מיר ווילן נישט אויפשטעלן קעגן זיך דעם „בונד". מיר האָבן שוין אזוי אויך גענוג שונאים.

וואָס שייך די אקציעס פון אונזערע ציַיטונגען וואָס אייך ברענגט זי אריין ווי ניקער און אונז מער. קענען מיר זיך טיילן חצי שלי חצי שלך און זאָל זיין שלום.

בלייבט בלויז דער יידישער קולטור-גענאָסיד אין רוסלאַנד. נו. לוינט זיך אז איבער איין אייניציקן מכסוך זאָל מען לאָזן פאַרן אזא ווייכטיקע זאך ווי איינהייט? מיר מיינען אז עס איז נישט בדאי.

רופן מיר אייך דעריבער צו פאַרגעסן אלץ וואָס עס איז געווען זאָל זיין מחילה סליחה און כפרה.

אפּראָפּאָ כפרה. זעט איר אז מיר האָבן פידעל קאַסטרא אייך געראַטן פאָלן

מיט ברידערלעכע גרוסן

די פאַרוואַלטונג

●

פ.ס. : איצט מאַווירים אז מיר האָבן שוין יאָ דערגרייכט א הסכם. בעטן מיר אייך — דאָס מאָל שוין אלס אייגענע אלס פריינט און אינטערעס פון דער איינהייטלעכער אקציע — וואַרפט ארויס דאָס מאַקאָבוויטשן. מיר וועלן אייך געבן פאַר אים יודינען. ס'איז די זעלבע יואג בבלי קענען מיר אויסטיישן מיטאַרבעטער צווישן זיך מיר געבן אייך כיל אראָן גיט איר אונז בראַדאַוויטשן

די געשיכטע פון א פאַרבאָטענער ליבע

(ארויסגענומען פון א בערלינער ציטונג)

זאָגעכצן

א געדאַנק פון א באַגאַבטן שרייבער איז געגליכן צו א פיש אין וואַסער. א געדאַנק פון א מיטלמעסיקן שרייבער איז געגליכן צו א פיש אן וואַסער. און א געדאַנק פון א גראַפאָמאַן צו וואַסער אן פיש

150 יאָר ראָטשילד־דינאַסטיע

אַ דיאַלאָג צווישן צוויי יידן וועגן ראָטשילדן

— דו ווייסט ? די ראָטשילדס ווענען אַלט געוואָרן 150 יאָר.

— אײ־אײ נאָר אַ גביר קען אזוי לאַנג לעבן.

— דאָס איז נישט איינער ס'איז אַ גאַנצע משפחה וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1812.

— וואָס פאַרא מיוחוסים זענען זיי וואָס מען מאַכט פון זיי אַזאַ צימעס ? מיין פאַמיליע האָט זיך אָנגעהויבן אַ סך פריער.

— שטעל דיר פאָר אַז אין דער גאַנ־צער פאַמיליע איז נישטאָ קיין איין קבצן.

— ווי קומט עס ?

— מען קען נישט דערגיין ־עם סוד.

— וואָס טוען זיי מיטן געלט ? זיי האָ־בן שוין אַמאָל אַהיים גענומען אַן אורח אויף שבת ?

— זיי האַלטן מער פון זונשיק.

— וואָסערע אַנדערע מעשים טובים טוען זיי ?

— זיי האָבן אויסגעבויט שפּיטאָלן יידן זאָלן האָבן וווּ צו קרענקען.

—און זיי האַלטן אַליין אויס די דאָ־זיקע שפּיטאָלן ?

— אַז עס איז נישטאָ קיין דעפיציט — יאָ.

— זיי גיבן אַ סך צדקה ?

— זיי וואָלטן געגעבן צדקה נאָר מען

לאָזט נישט צו קיין אָרעמע ייט צו ... בלויז איין איינציקן אָרעמאַן איז גע־לונגען צוצוקומען צום ערשטן ראָטשיל־ צו ר' מאיר אַנשלען דערציילט מ... וועגן דעם אַזאַ מין אַנעקדאָט .

אַן אָרעמער ייד האָט אַמאָל געוואָלט אַריינגיין צום גרינדער פון דער ראָט־שילדס־דינאַסטיע — ר' מאיר אַנשל האָט מען אים גערופן — נאָך אַ נדבה האָט אים זיין לאַקיי נישט אַריינגעלאָזט.

— לאָזט מיך אַריין — האָט זיך דער אָרעמאַן גענומען בעטן — איך וויל אים זאָגן נאָר איין וואָרט נישט מער.

אַהין אַהער — מען האָט דעם ייד אַ־ריינגעלאָזט.

אַריינגעקומען צו ראָטשילדן מאַכט צו אים דער ייד : „גמרא".

— וואָס הייסט דאָס „גמרא" ? — פרעגט אים ראָטשילד.

— „גמרא" — ענטפערט אים דער אָרעמאַן איז אַ ראשי תיבות — דאָס מיינט „גוט מאָרגן ר' אַנשל !"

— גוט מאָרגן גוט יאָר ! — זאָגט אים ראָטשילד — איז וואָס זשע ווילט איר ר' ייד ?

— „גמרא" — מאַכט ער צו אים ווי־דער.

— וואָס באַדייט אייער „גמרא" איצט ? — פרעגט ער אים נאָכאַמאָל.

— „גמרא איז איצט דער פשט : „גיט מעות, ר' אַנשל".

נעמט ראָטשילד אַרויס זיין בייטל און גיט אים אַ נדבה.

— „גמרא" — זאָגט דער ייד אַ דריט מאָל.

— ווידער „גמרא" ? — וווּנדערט זיך דער עושר — וואָס באַדייט ביי אייך דאָס מאָל „גמרא" ?

„גמרא" באַדייט ביי מיר איצט : „גיט מערער ר' אַנשל".

אין אַ בוך - געשעפט

פרוי סאָקאָל איז אַריינגעקומען אין אַ בוך־געשעפט און געבעטן עפּעס אַ רעכטן ראָמאַן, וואָס זאָל זיין פול מיט שפּאַנונג.

— איך רעקאָמענדיר אייך אָט דאָס בוך — דאָט איר דע־ בובהענדלע־ דער־לאַנגט אַ גאַנץ דיק בוך מיט אַ פאַרביק־אילוסטרירטן שער־בלאַט. — דאָ האָט איר אַ זעלבסטמאָרד, אַ טויט־פאַל פון אַ האַרץ-שלאַג און גאַנצע זיבן מאָרדן.

— אָט אַזאַ ראָמאַן וויל איך טאַקע — האָט זיך פ.־ווי סאָקאָל דע־פרייט — איך האָב ליב אַ ראָמאַן, וואָס איז פול מיט לעבן.

המשך זייט 3

Merci, M. Jacob GLATSTEIN !

־ער גייט פון סתירה אין א נוער סאַ־טירע האט אינז דיקטירט צו באדאנקען אונזער פריינט דעם ייִדישיסט. יעקב גלאַטשטיין דווקא אויף פראַנצויזיש פאר זיין בצוזך אין אונזער ישוב.

איידער מיר האָבן געהאט דעם נחת רוח צו הערן די רעדע פון יעקב גלאַט־שטיין האבן מיר געהאט אויך א סך פאר־געניגן פון הערן די באגריסער. פון וועל־כע מיר האבן ייִדער בלויז באוויזן צו פארנאטירן אייניקע זאצן :

ער שלעפּט זיך מיט זיינע ווארצלען
איבער דער וועלט
ער קומט פון לובלין פון ניו־יארק
ער קומט פון דר סיני
איך באגריס אים ייִדישלעך מיט א
כפל שמזנר דיקן ברוך הבא
מיר ב גריסן דעם ייד הגדול
מיר באגריסן דעם שטעלונג־נעמער
לאָמיר זיך נישט באגוגענען נויט
ווערמערן)

נאָך אַז־א־־יא „פּערלדיקע“ ווער־סעד צו וועלכע מענדל מאן האט זיך נישט געוואָלט משתתף זיין, האט מען אינז דערלאַנגט סיי אין גלעזער פון מרש־טארדע (אין „עדען“) מיט געבעקס און שפּעטער האבן מיר געהערט יעקב גלאַט־שטיינס רעדן יועגן ישראל. זיינע ווער־טער האָבן ארויסגערופן א שרעקלעכן קאצן־יאמער ביי די בונדישע צוהערער.

וואס זענען געקומען הערן שיין פעד און שוועבל — און עס איז נישט געווען נישט קיין פעך נישט קיין שוועבל נאר פשוטע הארציקע ווערטער וועגן דער יידישער מדינה.

זאָגן מיר טאקע דעם פריינט גלאַט־שטיין : תודה רבה ! און אינזערע בונ־דישע פריינט זאָגן מיר אז עס איז פאראן אן אראביש ווערטל : „יאם אסל יאם באסל“ (טעג פון האָניק, טעג פון ציבע־לעס) פארפאלן, מען דארף אמאָל האָבן מוט צו הערן בעסער א שיינעם אמת איידער א מיאוסן שקר.

קורץ און ווידאַזשנע

זואַזעף קעסעל מוועט שוין באלד קענען צונויפשטעלן א האלבן מנין אין ־ער אקאדעמי פראנסעז — ווען פראנ־סיא מאריאק זאר זיך ווען מגייר זיין.

●

מענדעס פראנס אדורכגעפאלן ביי די וואלן ? א מצווה אויף איך ! מענדל־מאן האט אייך שוין פון לאנג געווארנט איר זאלט „נישט גיין מיט קיין היליקע ברית אין א פרעמדן טעמפּל“.

●

זברודער רודי ווי מען דערוווסט זיך האט זיך געשאפן א קאמיסיע וואס פאָרשט דעם אמת וועגן רודי צי ער איז טאקע שוין אלט געווארן 50 יאר. אין שפּיץ פון דער קאמיסיע זאל זיך געפינען יצחק שניאורסאָן.

●

ברודער דנ־ר שיוער צו זיין א גלח ביי יידן.

לאכט פון זיי

צווישן ליטעראַטור ליבהאָבער

— וועלכע זענען געווען די ביכער וואס האבן געהאט א גורלדיקע השפעה אויף דיין לעבן ?

— דאָס קאָך־בוך פון מיין מוטער און דאָס סשעק־ביכל פון מיין פאָטער.

אין ביבליאָטעק

— וואָס פאר א בוך ווילט איר מאַדאם ? גיבן אייך עפּעס לייכטס ?

— עס מוז נישט זיין לייכט איך האב צן אייגענעם אויטא.

ביים דאָקטאָר

— נו. הער דאָקטאָר, וואָס איז אייער מיינונג וועגן מיין הינטיקן הוסט ?

— אייער הוסטן קלינגט היינט א סך בעסער ווי נעכטן.

— קיין ווונדער נישט איך האב א גאנצע נאכט געאיבט

צווישן מאַן און ווייב

— מיין ליבער מאַן, ווען דו ביסט געשלאָפן האב איך פארנייט דאָס לאָך אין דער קעשענע פון דיינע הויזן.

— זייער פיין. אָבער ווי אזוי האסטו אויסגעפונען, אז איך האָב א לאָך אין דער קעשענע ?

דיאַגנאָזעס

— מען האָט אמאָל געפרעגט דעם גרויסן גריבישן פילאָזאָף דיאגענעס, ווי אלט דארף זיין א מענטש ביים חתונה האָבן ?

— ווען מען איז יונג — האָט ער גע־ענטפערט — איז דאָס צו פרי און ווען מען איז אלט איז דאָס צו שפּעט.

La Guerre des Boutons
קאַנקורס פון בעסטן רעפּאַרטאַזש וועגן קנעפּ

אינספּירירנדיק זיך פון אן ארטיקל אין אונזער ברודער־אָרגאַן „אונזער וואָרט“ וועגן דער אנטוויקלונג פון דער „צודאטן“־בראַנזשע אז יידן זענען נישט בלויז אן עם הספר נאָר אויך אן עם המסחר האָבן מיר באַשלאָסן צו אָרגאַני־זירן א קאָנקורס פארן בעסטן רעפּאָר־טאַזש וועגן קנעפּ בדי צו באווייזן אז יידן זענען אן עם הספר אפילו ווען עס האנדלט זיך אין קנעפּ און הויזנטרע־גערס. פארן בעסטן רעפּאַרטאַזש וועלן מיר געבן א פּרעמיע א „פּערמעטיר צק־לער“.

אָט איז דער ערשטער רעפּאַרטאַזש וואָס מיר האָבן באַקומען צוגעשיקט פון נון זיין

די חשיבות פון קנעפּ דאַרפן יועין געמאָסטן ראשית לויט דעם ווי אזוי זיי זענען אנגענייט שלעכט אנגענייט איז דאס קנעפּל קיין קנעפּל נישט ! צוויטנס וויף מען זיך רעכענען מיטן מלבוש אין מיטן אָרט וווּ מען נייט זיי אן אזוי למשל זענען הויזן־קנעפּלעך — באַטש זיי זענען קלענער פון א פּאַלטן־קנעפּ — האָבן זיי מער חשיבות ווייל זיי שיצן די מענלעכע ווירדע. פּונקט אזוי טאָר מען נישט פאַרגלייכן די קנעפּ פון א ווינ־טער־פּאַלטן צו די קנעפּ פון א זומער־רעקן־מאַנטל וואָס מען קען טראָגן אויפ־געקנעפּלט. ביי חסידים א שטייגער זע־נען די קנעפּ פון דער לינקער זייט אָ־בער דאָס פאַרמינערט נישט די קוואַלי־טעט

דער פּועל־יוצא דערפון דאַרף זיין ־ייפּט אין אייערע קנעפּ און זומער בדי איר זאָלט האָבן אין ווינטער — און ־יי־ען זאָלס איר נאָר ביי דער באַקאַנטער פירמע „קנעפּלמאַן און קנעפּלזאָן“ ייִדיש נאָר דיבעיקע פאַבריק רעגען זייסן אייף ווילבן קנאַפּ מען דאַרף רייכטן

נישט מיט וויינען נאר מיט לאכן... וועלן מיר די וועלט איבערמאכן

אן איבערקערעניש אין אונזער שטימע

ראפאל ריבז: שוין איינס רעדאקטאר י א״ץ צוליב אייער שנאה־קאמפּלעקס יגבי ישראל י איז דאך אלפיצד דע ווינ׳ געד רעבט דערמיג וואס ער שרייבט אין זיין „זשורנאל״ יען פּאעט״:

Lorsqu'un siecle est en marche guide par une pensee, il est semblable à une armee marchant dans le desert Malheur aux trainards ! rester en arriere, c'est mourir.

פאר די בלומען פון באדויער מיט באדויער

אין משה שולשטיינס בוך לידער „בלומען פון באדויער", ווידמעט דער פּאעט

א גרויסן טייל פון זיין טאראנג דער מדינת ישראל וואס ער האט באזיבן.

צום סוף, אויפן 260־טן עמיד פּירענדיקט משה שולשטיין:

די נאכט באשיט מיט שטערן ווי מיט האפן
די אורחים אין די וואמדן די געדיכטע
און אט אין זייער שיין א יינגאלע איז משתין
די מדבר הארכט עס ווי אן אור באשאף
וואס קלינגט צום ערשטן מאל ווי סראמע כראפען

דאס יינגאלע פארשרייבט אין וואמד י בלאט געשיכטע
מיט א גאלדן כתב

★

די דאזיקע סטראפע געהער אפשר נישט צו די „בלומען" אבער צום „באדויער" — זיבער!



שלום בית

דער בארימטער עסטרייכישער הומאריסט ראדא ראדא האט דערציילט:

— צווישן מיר און מיין פרוי זענען נאך דער חתונה פארגעקומען מיספארשטענדענישן ביז מיר האבן געשלאסן אן אפמאך: אויב מיר האבן ביידע איין מיינונג ווען א זאך נעמט מען אן מיין מיינונג; אויב אבער מיר האבן פארשידענע מיינונגען נעמט מען אן איר מיינונג און זייט דעמאלט לעבן מיר בשלום.

E P I N G L E S
Directeur-Gerant
A. A LIBERMAN
20, Allee des Bouvreuils à Drancy (Seine)
Tel. AViation 18_89
Imprimerie PAX, 17 r. St Joseph
PARIS 2e